# אַ מַעֲשֶׂה פַּאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן

אָהָהָהָ קוּק... דִי פֵייגְל אִיז טוֹיט...!

פִּינְקְט וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי פֶערְד – אִיז דָאס פֵייגְל אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן אוּן גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס פוּנֶעם רוּט אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט ... אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט ...

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם פוּן טְשֶׁערְנָאבְּל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּפָּאְרן קַיין מֶעזִיבּוּזְשׁ צוּם צִיוּן פוּן זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִּיק וֵויינְט בַּיים קֶבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן יְשׁוּעוֹת. דֶער קֶבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס קוּמֶען אַהִין זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן מִתְפַּלֵל זַיין.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן וָואגְן אַהֵיים צוּ פָּאְרן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער זַייט אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן צַדִּיק, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דֵי פֶערְד – אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן

אַ פֵּייגְל, עֶס הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם שְׁמַייס און אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן הוֹיךְ: ״עֶס אִיז אִים גֶעקוּמֶען״.

וֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם מִטְשֶׁערְנָאבְּל הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז אִים דָאס זֵייעֶר גֶעפָאלְן, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ: ״יְפֵה עֵינַיִם״, עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן, ״וְטוֹב רֹאִי״, און אַ גוּטֶע אוֹיסְזֶען, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם קִינְד, וַוייל עֶר זֶעט גוּט; וַוִייל דִי פֵּייגְל אִיז גֶעוֶוען אַ גִלְגוּל פוּן אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט יֶעצְט בַּאקוּמֶען אִיר תִּקוּן.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר אַז יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ דָאס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל עֶס זָאל אַזוֹי פַּאסִירְן, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד - הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶען וָואס טוּט זִיךְ מִיט נְשָׁמוֹת און גִלְגוּלִים.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיר, אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דֵי זַאכְן, אָבֶּער מִיר דַארְפְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן און פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דִי פֵּייגְל הָאט גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס און גֶעשְׁטָארְבְּן - אִיז דָאס אִיר גֶעקוּמֶען, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט - הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, און מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.



אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ״בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג נָאר גֵיין צוּ דִיר, און נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר״.

**גענומען פון ספר ״עצתו אמונה״**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1